פארגעסן די מעשה, אבער איך האב דאס נישט פארגעסן אפילו אויף איין מינוט. איך האב שטענדיג געשטרעבט צו טרעפן דעם צדיק וועלכע דרייט זיך בעולם הזה און אין די זעלבע צייט זיצט ער בבית דין של מעלה, וואס א דאנק אים בין איך צוריק אויף דער וועלט. און אין זיין זכות האב איך געקענט מחנך זיין מיינע קינדער, און מקיים זיין נאך אזויפיל מצוות.

איינמאל האב איך באשלאסן אז איך מוז אלעס אנווענדן צו קענען דעם רבי'ן וואס זיצט אין בית דין של מעלה און א דאנק אים האב איך צובאקומען נאך צוויי און צוואנציג יאר. איך בין ארומגעפארן לענגאויס גאליציע און אונגארן, איבעראל וואו עס געפינען זיך צדיקים וואס פירן אן עדה. דער געשטאלט פון דעם צדיק בעולם העליון איז שטענדיג געשטאנען פאר מיינע אויגן, זיין הערליכע הדרת פנים האט מיך כסדר באגלייט, אבער איך האב אים נישט געטראפן. מיט די צייט האב איך מיך מייאש געווען און איך האב אויפגעהערט אים צו זוכן.

מיט עטליכע וואכן צוריק האב איך מיך דערמאנט אז אט ווער איך שוין פיר און פערציג יאר, און עס ענדיגט זיך דער טערמין וואס איך האב צובאקומען. אט אט דארף איך ווידער פארלאזן די וועלט, און איך האב נאכנישט געזען דעם צדיק וואס איך דארף מיך באדאנקען פאר אים.

איך האב ווידער אנגעהויבן ארום פארן, אפשר וועט מיר געלונגען אים צו טרעפן. מיט עטליכע וואכן צוריק איז אנגעקומען אין אונזער שטעטל א איד, און ווען איך האב אים דערציילט די מעשה אז איך זוך א געוויסן צדיק, האט ער מיך געפרעגט צי איך האב עפעס א ספעציעלן סימן אויף אים. האב איך אים געזאגט אז ער איז זייער א הויכער מענטש מיט א הערליכער הדרת פנים. האט ער מיר געזאגט אז לויט זיין מיינונג איז דאס דער צדיק רבי יחזקאל פון קוזמיר. האב איך מיך געאיילט צו קומען אהער, כאטש ס'איז מיר שווער אנגעקומען. דאס איז געווען די סיבה פארוואס במשך דעם גאנצן שבת האב איך אזוי געקוקט אויף אים, צו מאכן זיכער אז ער איז דאס טאקע.

ביי די תורה שלש סעודות, ווען איך האב דערהערט זיין שטימע, איז מיר שוין געווען זיכער אז ער איז דאס. דער קול איז מיר נאך געווען קענטליך און געקלונגען אין די אויערן, און ס'האט מיך דערמאנט די אלטע זכרונות. דאס איז געווען די סיבה אז איך בין אזוי נאענט צוגעגאנגען צו אים. און דאן האט מיר דער רבי געזאגט, אזוי ווי איר האט אלע געהערט, "וואס קוקסטו אויף מיר, דו קענסט מיך דען נישט". און איצט איז דיר שוין אלעס פארשטענדליך.

איצט ווייס איך שוין אז מיין צייט איז באגרעניצט, ס'איז נאענט דער טאג אין וועלכער איך דארף פארלאזן די וועלט. מיין צייט לויפט אפ.

און מיט דעם האט זיך דער יונגערמאן געזעגנט פון אים, באקומענדיג א פרישן באגריף וועגן די גרויסקייט פון זיין הייליגן רבי'ן.

(די מעשה איז באקאנט אינעם מאדזשיצער הויף, וועלכע שטאמען פון דעם צדיק רבי יחזקאל קוזמירער, און מ'דערציילט עס ביי די סעודה אין זיין יומא דהילולא.)

# הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זיע"א



## יארצייט דאנערשטאג י"ד אב (תרל"ד)

הרה"ק רבי הערשעלע ליסקער איז געווען באוואוסט מיט זיין אויסגעצייכנטע צדקה טיילן. פאר זיך האט ער זיך באגאניגנט מיט גאר וויניג, אבער פאר די ארימעלייט וועלכע פלעגן אנקלאפן ביי אים אין טיר האט ער געגעבן מיט א ברייטע האנט, אזוי ארום איז די גאנצע געלט וואס עשירים האבן אים געגעבן איז פארטיילט געווארן פאר צדקה, ווי מ'זעט פונעם פאלגענדע מעשה.

ר' יעקב חיים איז געווען פון די גרויסע חסידים פון רבי הערשעלע. ווען ער איז געקומען צו זיין הייליגן רבי'ן אויף שבת, האט ער אלץ מיטגעברענגט א פול וואגן מיט כל טוב וטוב, און דערמיט דערפריידט דעם הייליגן צדיק'ס שטוב.

מאכט זיך אמאל וואס ר' יעקב חיים לאזט זיך ארויס אין וועג צוליב זיינע געשעפטן, אבער ווי א חסיד, אז מ'איז שוין אינטערוועגנס, פארט מען שוין איינוועגס אריין צום רבי'ן, אזוי אויך אצינד האט ר' יעקב חיים באשלאסן אריינצוגיין צום רבי'ן, אבער וויבאלד ער איז דאסמאל נישט געקומען צו פארן פונדערהיים, איז ער דאס מאל געקומען אויף שבת מיט ליידיגע הענט. ר' יעקב חיים האט זיך געשעמט אזוי צו באווייזן אין הויף, דערפאר איז ער צו ערשט ארויס אין מארק, עפעס איינצו'האנדל'ן אין מארק, האט ער געקויפט צוויי שאכטלעך מיט ליכט, און דערמיט זיך געלאזט אין וועג צום רבי'נס הויף.

אריינקומענדיג, אין רבי'נס צימער זעט ר' יעקב חיים ווי עס ליגט אויפ'ן טיש א הויפן געלט, פינווער רענדלעך, צענער רענדלעך א.א.וו. איבערגעבנדיג פאר'ן רבי'ן די שאכטלעך ליכט האט דער צדיק'ס פנים אויפגעשיינט, אויסרופענדיג הויך "געלויבט דער אויבערשטער אז איך האב שוין ליכט אויף שבת."

ביי ר' יעקב חיים האט דער צדיק'ס ווערטער ארויסגערופן א גרויסע וואונדער, די טיש איז דאך איבערגעפילט מיט רענדלעך, עס פעלט דאך נישט קיין געלט פאר'ן רבי'ן צו קויפן דערמיט ליכט, איז וואס פריידט ער זיך אזוי מיט מיינע ליכט? אבער באלד קערט זיך רבי הערשעלע צו זיין חסיד "עס איז דיר זיכער שווער געווארן וואס עס איז פשט אין מיין גרויסן פרייד, מיט דאס געלט וואס ליגט דא אויפ'ן טיש וואלט איך דאך געקענט שבת מאכן און אוודאי קויפן ליכט. אבער וויסן זאלסטו אז דאס געלט איז נישט מיין פארמעגן, נאר דער אויבערשטער האט מיר געשטעלט אלץ גבאי צדקה, און איך דארף אפגעבן א פונקטליכן חשבון וואו יעדן רענדל איז גענוצט געווארן, עס וועט טאקע באלד פארטיילט ווערן פאר פארשידנארטיגע צדקה צוועקן, פאר די פולע ארימעלייט דא אין שטאט". פירט אויס ר' הערשעלע, "אויב דו וואלסט מיר נישט געברענגט, וואלט איך נישט געהאט קיין ליכט אויף שבת!"

*

דער צדיק ר' הערשעלע ליסקער האט אמאל אפגעראכטן גלות, ארומפארנדיג אינאיינעם מיט זיין זון אין די שטעטלעך וואו עס האבן דאן געוואוינט אסאך אידן. אין א פלאץ וואו מ'האט גענעכטיגט איין נאכט, האט מען נישט גענעכטיגט דעם אנדערן נאכט. ווי פארשטענדליך האט דער צדיק נישט דערציילט אין קיין שום פלאץ ווער ער איז, נאר זיך ארויסגעשטעלט אלס אן ארימאן וועלכער גייט פון איין שטאט צום אנדערן, אזוי אז עס איז פאר קיינעם נישט איינגעפאלן אז דאס איז גאר דער גרויסער צדיק רבי הערשעלע. אבער פונדעסטוועגן האט זיך שטענדיג געטראפן א יוד וועלכער זאל זיך דערבארעמען און אריין נעמען דעם צדיק אלס גאסט ביי זיך אינדערהיים, און געבן א געלעגער וואו זיך אפצורוען, און א ווארימע מאלצייט זיך צו דערכאפן דאס הארץ.

פאסירט אמאל אז דער צדיק קומט אן אין א געוויסע שטעטל, און ווי זיין שטייגער גייט ער גראד אין שוהל אריין. קיינער אין שוהל דערקענט נישט אז דער איד וועלכער געפינט זיך דא, איז גאר רבי הערשעלע, און אויך רבי הערשעלע אנטפלעקט נישט פאר קיינעם אז דאס איז ער, קיינער טוט זיך נישט אומקוקן אויף זיי, אויסגעהונגערט און אויסגעדארשט זיצן דארט דער צדיק מיט זיין זון, ווארטנדיג אויף א ישועה פון הימל...

אין שטאט האט זיך אין זעלבן צייט געפינען א פרוי וועלכער איז ל"ע געווען אין א גרויסע סכנה, זייענדיג א מקשה לילד. די מאמע פונעם יולדות האט נישט אויפגעהערט שעפשן הייסע תפילות, אז איר טאכטער זאל געהאלפן ווערן, אבער פלוצלינג איז זי אנטשלאפן געווארן אין א טיפן שלאף. אין חלום איז געקומען צו איר די מאמע פון רבי הערשעלע ליסקער, און זאגט צו איר "דו ווילסט דאך אז דיין טאכטער זאל געהאלפן ווערן, אויב אזוי טו וואס איך זאג דיר, אין שוהל דא אין שטאט זיצט מיין הייליגן זון רבי הערשעלע און גייט שיעור אויס פון הונגער, נעם א מטבע, א צענערל און גיי גיב עס אים, ער זאל קענען קויפן עפעס איבערצובייסן און שטילן דערמיט זיין הונגער, און אין דעם זכות וועט דיין טאכטער געהאלפן ווערן מיט א גאנצע ישועה!"

אויפכאפנדיג זיך האט זי זיך געאיילט צום שוהל מיט'ן צענערל אין האנט. אין שוהל האט זי זיך איבערצייגט אז די חלום איז אן אמת'ע, עס זיצט דארט טאקע דער הייליגער צדיק, גלייך איז זי צוגעגאנגען און דערציילט די חלום, איבערגעבנדיג דאס צענערל.

רופט זיך אן רבי הערשעלע צו זיין זון "אזא איבערגעגעבענע און טייערע מאמע וואס האט זיך באמיט פון איר רו-פלאץ דארט אויבן אין גן עדן, וואלט זי דאך שוין געקענט זאגן אז מ'זאל געבן א צוואנציגער, נאר פון הימל האט מען נאר געהייסן א צענער!"

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

# א וואונדערליכע געשיכטע

(פארזעצונג פון זייט 40)

אלי' האט אים אנגעקוקט, וואונדערנדיג זיך וואס וועט געשען ווייטער. דער מאן האט נאך אלץ אנגעהאלטן זיין ארעם.

"סאראגאסא!" האט דער מאן אויסגערופן. "סאראגאסא! דער פארמעט! געדענקסט מיך נישט?"

אלי' איז געשטאנען צוגענאגעלט צו דער ערד, פרובירנדיג צו פארבינדן די צוויי שטעט, די צוויי ווערסיעס פון דעם מאן און די צוויי היסטארישע עפאכעס וואס די באגעגענונג אין ירושלים האט צוזאמען געבונדן צו איין ענדלאזע פאבריקאציע.

"קום", האט דער מענטש געיאגט אלי', "איך האב דיר עפעס צו ווייזן."

זיי זענען געגאנגען צוזאמען צו אן אפארטמענט הויז אין גאולה. זיי זענען ווידער ארויפגעקראכן די שטיגן פון דריי שטאקן, אבער דאס מאל זענען זיי געווארן ארומגענומען פון די קולות פון א גרויסע משפחה פון אידיש-רעדנדע קינדער וועלכער זענען אראפ די שטיגן. דער מאן האט געעפענט די טיר צו זיין דירה, ווידעראמאל, אן איינפאך, צוזאמענגענומען ארט, אבער דאס מאל זענען די ווענט נישט געווען באדעקט מיט סצענעס פון סאראגאסא, נאר אנשטאט דעם, מיט שיינענדיגע געזיכטן פון צדיקים און מאלערייען פון קינדער וועלכער לערנען תורה.

אלי' האט גאר שנעל אנטדעקט, אז זיין סאראגאסא וועגווייזער האט זיך ארויסגעלאזט אויף א לאנגע נסיעה נאך זיין אנטדעקן זיין אידישן אפשטאם. ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, און דארט, האט ער געטראפן זיין וועג אהיים צו זיין אידישן אפשטאם. דער מאן איז אריין אין א צווייטן צימער און איז צוריק צו אלי', האלטנדיג א שיינעם זילבערנעם פרעים וואס האט אנטהאלטן דעם פארגעלטן פארמעט וואס איז געווען דער שליסל צו זיין לעבנס געשיכטע.

"איך קען עס שוין אליין לייענען איצט", האט ער געזאגט מיט שטאלץ. זיי האבן פארברענגט דעם גאנצן טאג צוזאמען, רעדנדיג איבער וואס עס איז אריבער זינט זייער ערשטע באגעגעניש. אזוי רעדנדיג האט אלי' געזען די זעלבע איידעלע אויגן און ווארעמען שמייכל וואס ער האט באמערקט אין סאראגאסא. "איך דארף מודה זיין", האט ער געזאגט נאך א שטיק צייט, "איך שעם זיך אז איך האב דיך נישט דערקענט אין אנפאנג, נאך די גאנצע צייט וואס מיר האבן פארברענגט צוזאמען און אלעס וואס עס איז געשען יענעם טאג!"

"עס איז צום פארשטיין. א סאך האט זיך געטוישט זינט דו האסט מיך געזען צולעצט", האט דער מאן געענטפערט מיט א געלעכטער.

אלי' איז אויפגעשפרונגען מיט אן אנבאט וואס ער האט זיך נישט געקענט צוריקהאלטן פון מאכן. "קען איך עס אפקויפן פון דיר?" האט ער געפרעגט.

"אוממעגליך", האט דער מאן געענטפערט מיט פעסטקייט. "איצט האב איך ענדליך איינגעזען ווי ווערטפול עס איז געווען."

עס איז שוין געווארן שפעט, און אלי' האט געדארפט ממשיך זיין מיט זיינע פלענער. "איך קען דיר נישט זאגן ווי וואונדערליך עס איז געווען פאר מיר דיך צו טרעפן ווידער, אין אזעלכע געטוישטע מצבים", האט ער געזאגט פאר'ן מאן דריקנדיג זיין האנט מיט ווארעמקייט.

"ווארט!" האט דער מאן געענטפערט. "וואלסטו נישט געוואלט וויסן מיין נאמען?" אלי' האט צוגעשאקלט. דער מאן האט געווארט א ווילע, און דאן, מיט שטאלץ האט זיין קול אויסגערופן: מיין נאמען איז משה בן אברהם!

זיין זיידע וואס האט געשריבן די מודעה פאר די קומענדיגע צייטן, וועמענ'ס גרעסטע האפענונג איז געווען אז זיין פאמיליע וועט אין איינעם א טאג קענען לעבן אלס אידן, האט ענדליך א קינד וואס האט זיך א נאמען געגעבן נאך אים, א קינד וואס קען האלטן זיין קאפ הויך אונטער די זון, אן קיין פחד, א קינד וואס ווייסט פון זיינע ווארצלען.

עס קען דויערן פינף יאר פאר מענטשן, אדער פינף הונדערט יאר פאר אנדערע, אבער אין א שיינעם טאג וועלן מיר זיך פארבינדן ווי איין מענטש, מיט איין תורה, אונטער דעם איין איינציגן באשעפער.

איבערגעזעצט פון ארט סקראל סעריעס